# זקניך ויאמרו לך

ת״ת תורה ויראה דרבינו יואל ד׳סאטמאר • בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א • פה ק״ק קרית יואל יצ״ו

בעזהשי״ת | גליון מ״א – עש״ק עקב תשס״ח לפ״ק | כיתה ח׳ ט׳

## גליון מיוחד לקראת יומא דהילולא של רביה״ק בעל דברי יואל זצוקללה״ה - כ״ו מנחם אב תשס״ח לפ״ק

### תלא) עס דערציילט אונזער זיידע
## כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

...״אז מ׳שמועסט פון דעם איז כדי צו דערמאנען א שבת, א יו״ט, א וואכן טאג, איך געדענק צעיר הייתי לימים, גאנץ יונג בין איך געווען, ווען כ׳האב געהאט די זכי׳ אלס קינד פלעגט איך יעדן שבת נאכמיטאג זיין אין שטוב, ער האט מיך מחבב געווען בחיבה יתירה, איך בין געווען א יונגל פון אכט יאר, ניין יאר און צען יאר, פלעג איך צו זיין אליין שבת נאכמיטאג וואס קיינער איז נישט דארט געווען, אפאר יאר האט דאס אנגעהאלטן, איך בין נאך געווען א קינד, ער האט מיך יעדן שבת מכבד געווען צו זינגען די זמירות שבת בייטאג ביים טיש״.

״ער האט מיך פארהערט אלעמאל, אנגעהויבן פון די קינדערישע יארן, שפעטער די בחור׳ישע יארן, יעדעס יאר בין איך געפארן קיין שעראן ספרינגס אויף א שבת... כ׳געדענק ווען איך בין געקומען אויף א שבת, תיכף האט ער אנגעהויבן צו רעדן אין די סוגיא ער האט מיך געפרעגט די מחלוקה פון מהרי״ט מיטן בית יוסף... ס׳ליגט מיר נאך פריש אין זכרון״... (מתוך דרשת כ״א כסלו תש״מ).

ס׳איז געווען חול המועד סוכות בערך שנת תש״כ-כ״ב, ביי די אושפיזא דאהרן בין איך געגאנגען מיטן טאטן זכרונו לברכה צום פעטער מרן בעל דברי יואל זי״ע. דער פעטער ז״ל איז דעמאלטס געזעסן אין די קליינע סוכה נעבן זיין הויז אויף 500 בעדפארד עוו. (די סוכה אויפן שטאק האט מען הערשט שפעטער ארויפגעבויעט) נאך איידער ער איז אריינגעקומען צום טיש אין די גרויסע סוכה.

דארט אין די סוכה איז דעמאלטס געווען דער בארעמעטער רב הגה״צ ר׳ שמעון דאכנער ז״ל. ווען מיר זענען אריינגעקומען, האט זיך דער פעטער ז״ל אנגערופן מיט א חביבות ״אה, די אושפיזין״...

נאכדעם האט מיר דער פעטער ז״ל געזאגט ״איך האב אויך א אושפיזא, ביים זיידן ז״ל דער ייטב לב איז געווען א מנהג אז יעדן טאג חול המועד נאך מעריב איז געווען א פירות טיש, מ׳איז זיך צוזאמען געקומען אין די סוכה, און די אידן וואס האבן געהאט דעם נאמען אזוי ווי די אושפיזא האבן געברענגט טרויבן.

איינמאל ביים טאטן ז״ל (דער קדושת יו״ט) ביי אושפיזא דמשה האבן די וואס האבן געהייסן משה געגעבן טרויבן, האט זיך דער טאטע אנגערופן צו מיר ״נו, פארוואס שטעלסטו נישט קיין טרויבן?! ס׳איז דאך דיין אושפיזא, ס׳שטייט דאך ויואל משה״, אזוי האט דער טאטע געזאגט, בין איך געגאנגען און כ׳האב געשטעלט טרויבן״.

האט זיך דער בארעמעטער רב אנגערופן ״זעהט אויס אז דער קדיו״ט האט שוין געוואוסט אז דער רבי וועט מאכן דעם ויואל משה״. דער פעטער האט געשמייכלט.

יעדעס יאר ביי די אושפיזא דאהרן פלעגן מיר גיין מיטן טאטן ז״ל צום פעטער ז״ל אין די סוכה. ביז די בר מצוה פלעגט מיר דער פעטער מכבד זיין מיט א זמר ״שיר המעלות״, און נאך די בר מצוה מיט ברכת המזון. (יחזקאל שרגא טייטלבוים, יואל מייזליש)

### תלב) עס דערציילט אונזער זיידע
## הגאון הדומ״ץ שליט״א

אין די ערשטע יארן ווען מ׳האט געבויעט דאס שטעטל איז געווען די שאלה וואו מ׳זאל בויען דאס גרויסע ביהמ״ד? די שאלה האט זיך אנגעהויבן מיט דעם וויל עפ״י דינא דשו״ע איז מבואר אז דאס ביהמ״ד דארף געבויעט ווערן אויפן העכסטן ארט אין די שטאט, וואס דאס איז געווען פארשטענדליך אז דאס איז אויף טעילאר קט. וואו דער בארג איז גאר הויך און ווערט געזעהן פון איבעראל, אבער פון די אנדערע זייט האבן אידן גע׳טענה׳עט אז דאס איז זייער ווייט, און עס וועט זייער שווער זיין פארן ציבור, בפרט פאר די עלטערע אידן, צו גיין שבת דאווענען מיטן רבי״ן אויב דער ביהמ״ד וועט זיך געפונען אזוי הויך אויפן בארג.

דער רבי ז״ל האט דאן געהייסן אז מיר זאלן מעיין זיין אין די הלכה, ברענגען פאר אים די מראי מקומות, ווי עס איז מבואר אין די פוסקים הלכה למעשה, צי מען מעג בויען דעם ביהמ״ד אויף א צווייטן ארט.

מיר האבן דאן געטראפן אז דער יעב״ץ ז״ל אין ספר ״מור וקציעה״ איז מקיל אין דעם ענין, אין א פאל וואס אויב דער בית המדרש וועט געבויעט אויף אן ארט וואו עס וועט זיין שווער צו צוקומען אהין, ווען דער בארג איז נישט אין צענטער פון ישוב, און דער חיד״א ברענגט דאס אויך אראפ אין ספר ״מחזיק ברכה״ און ער לייגט צו בשם המאירי אז אויב די אנדערע הייזער אין די שטאט וואס געפונען זיך העכער פונעם ביהמ״ד זענען נישט געבויעט געווארן לשם שרה, אז דאס זענען ספעציעל חשוב׳ע הייזער, וואס זאל שאפן א איינדרוק אז זיי זענען חשוב׳ער פונעם ביהמ״ד, דאן דארף נישט דער ביהמ״ד זיין אויפן העכסטן ארט, עס דארף נאר בעיקר זיין דער גרעסטער בנין אין די שטאט, אבער הויך מוז דאס נישט זיין.

מיר האבן דאס געוויזן פארן רבי״ן, און דער רבי האט מעיין געווען אין די אנגעצייכנטע ערטער, און ער האט געזאגט אז מען קען זיך סומך זיין דערויף, ווייבאלד אויב דער ביהמ״ד וועט דארט געבויעט ווערן וועט דאס אפהאלטן מענטשן, ובפרט עלטערע אידן, פון צו קומען אין ביהמ״ד. ווען דער רבי האט געזעהן דעם חיד״א וואס ברענגט דעם מאירי האט דער רבי געזאגט בלש״ק: ״דער מאירי איז דאך געווען פון די ראשונים, און מ׳קען זיכער סומך זיין דערויף״.

און דאן, סמוכים על ברכתו הטהורה של אותו צדיק, האט מען באשטימט דעם שטח, דעם גרויסן ברייטן שטח, אין צענטער פון סעקשאן 2, וואס דארט זאל מען אנהייבן צו בויען דעם ״בית המדרש הגדול דקהל יטב לב - קרית יואל״. (יחיאל מיכל טייטלבוים, אלחנן חיים טייטלבוים)

### תלג) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע
## הרה״ח ר׳ יקותיאל הערש ווערצבערגער הי״ו

כל ימי נתגדלתי על ברכי רבינו זי״ע, מיין טאטע ז״ל איז נאך געווען פון דעם רבי״נס נאנטע מקורבים אינדערהיים אין קראלי. איך האב זוכה געווען צו לערנען ביים רבי״ן זי״ע אין קראלי, און אין סאטמאר, אויך אין לאגער אין קלויזענבורג בין איך געווען מיטן רבי״ן אינאיינעם, איך וועל דערציילן וואס איך האב זוכה געווען צו קרבות ביים רבי״ן שוין דא אין אמעריקע.

פון ווען איך בין אנגעקומען קיין אמעריקע האט מיך דער רבי מכבד געווען יעדן שבת קודש צו זינגען דריי מאל. איך האב געהאט די וועכענטליכע חזקה צו זינגען פרייטאג צונאכטס ״כל מקדש״, ביים טיש אינדערפרי ״ברוך ה׳ יום יום״ (אין די ערשטע יארן פלעגט נאך דער רבי פירן טיש אויך שבת אינדערפרי), און ביי שלש סעודות ״אודה״.

אין יענע ערשטע יארן ווען אלעס איז נאך געווען בזעיר אנפין פלעג איך דאווענען פארן עמוד כמעט יעדע וואך.

א פלא פון א זאך, במשך דעם ערשטן יאר וואס איך בין געווען דא אין אמעריקע, פלעגט מיך דער רבי רופן אויף מיין טאטנס נאמען ״ר׳ יוסף לייב״ ווען ער האט מיך מכבד געווען צו זינגען. נאכן יאר האט מיר דער רבי געזאגט ״א פלא איך רוף דיך אלס אויף דיין טאטנס נאמען״, און פון דעמאלטס אן האט מיך דער רבי אלס גערופן אויף מיין נאמען.

״אודה״ ביי שלש סעודות איז געווען מיין חזקה, און זעלטן ווען דער רבי זאל דאס אוועקגעבן פאר א צווייטן. צוויי אנדערע זענען געווען וואס האבן געקענט באקומען ׳אודה׳, דאס איז געווען ווען דער צעהלימ׳ער רב זצ״ל איז געקומען צום טיש. אדער הרה״צ ר׳ דוד׳ל האלבערשטאם זצ״ל מקישאנוב.

כ׳געדענק איינמאל ווען דער רבי איז אראפגעקומען צו שלש סעודות, און ער האט באמערקט פונדערווייטענס ווי ר׳ דוד׳ל קומט צו גיין, האט מיר דער רבי א זאג

געגעבן מיט א שמייכל און א בליץ מיט די אויגן כדרכו בקודש ״דו וועסט שוין היינט נישט זינגען אודה״...

ווען דער רבי איז געפארן קיין מאנטריאל און איך בין מיטגעפארן מיטן רבי׳ן, האט מיר דער רבי אויך מכבד געווען מיט ״אודה״ ביי שלש סעודות. אינטערעסאנט איז געווען ווען דער רבי איז געווען אין ארץ ישראל, און איך בין נישט מיטגעפארן מיטן רבי׳ן, ביי שלש סעודות איז דער רבי געווען שטארק פאר׳מח׳ט האט ער זיך אויך אנגערופן ״רבי יקותיאל הערש״.

איך בין געווען אמאל מיטן רבי׳ן אויף שבת אין די איסטסייד, איך געדענק שוין נישט אין וועלכע שוהל דער רבי האט געדאווענט, דער רבי האט מיך מכבד געווען מיט ״כל מקדש״, האב איך דאס געזונגען מיט יאסעלע ראזענבלאט׳ס ׳טל׳ ניגון.

איך האב אין יענע יארן געהאט זייער א גוטע שטימע, עס איז געווען א שטיק צייט וואס איך בין געווען הייזעריג און איך האב נישט געקענט געהעריג זינגען. איך האב אין יענע צייט געהאט א טשיקן מארקעט, און איך האב זיך זייער שווער געפלאגט פאר פרנסה, און דאס האט אויס געקלאפט אויף מיין שטימע. האט מיר אמאל דער רבי א זאג געטון ״וואס איז געווארן מיט דיין שטימע?!״.

ווען דער רבי איז אהיימגעקומען פון ארץ ישראל בשנת תשכ״ה האב איך אריינגערופן אויפן טעלעפאן אין די שיף זיך פאראינטערעסירן איבער די רייזע און ווי אזוי דער רבי שפירט. איך האב גערעדט מיט ר׳ אברהם יעקב גלאנצער ז״ל וועלכער איז מיטגעפארן אויפן שיף.

ווען ער האט געזאגט פארן רבי׳ן אז איך האב גערופן זיך פאראינטערעסירן האט דער רבי זייער שטארק הנאה געהאט, און ער האט געזאגט ״זאג אים אז ווען ער וואלט דא געווען אויפן שיף וואלט ער ווען געדאווענט פארן עמוד קבלת שבת״. (חיים אברהם הלוי ווערצבערגער, חיים אברהם שווארץ, יואל יושע הלוי ווערצבערגער, אברהם מרדכי גרינפעלד)

תלד) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה״ח ר׳ שמואל הכהן פריעדמאן הי״ו משב״ק

עס איז געווען בערך שנת תשל״א לפ״ק ווען מיר זענען געפארן קיין בעלל-הארבער - וואו רביה״ק **בעל דברי יואל** זי״ע האט זיך אויפגעהאלטן אין די יארן ווען ער איז ל״ע נישט געזונט געווען - א גרופע אינגעלייט עסקנים פון התאחדות אברכים, צוזאמען מיט הגה״צ מלאנדסבערג זצ״ל, וועלכער איז געווען דער רב פון די התאחדות אברכים, צו פרעגן עטליכע שאלות פונעם רבי׳ן זי״ע וואס האט נוגע געווען די אברכים.

צווישן די זאכן האט דער לאנדסבערגער רב געפרעגט דעם רבי׳ן היות דער רבי איז ל״ע נישט געזונט און מ׳הערט מער נישט דעם רבי׳נס תורות ווי אין די פריערדיגע יארן, צי מ׳זאל קובע זיין א שיעור ברבים אינעם ספה״ק ויואל משה.

דער רבי איז געזעסן ביים טישל מיטן פנים צום פענסטער, און אונטער אים איז געשטאנען דער ספרים שאנק. דער רבי האט זיך אזוי אויסגעדרייט און געוויזן מיט די האנט אויפן שאנק ״פארוואס דען האב איך געמאכט דעם ספר?! אז עס זאל ליגן אין שאנק?! אוודאי זאל מען לערנען דערין...״

איבריג צו זאגן אז מ׳האט דאן קובע געווען א שיעור ויואל משה ברבים יעדן מוצש״ק אין ביהמ״ד התאחדות אברכים, וואס דער לאנדסבערגער רב ז״ל האט פארגעלערנט מיט גרויס הצלחה. (יעקב הכהן ברי״א פריעדמאן, יעקב הכהן ברמ״י פריעדמאן, יעקב מענדלאוויטש, מאיר זאב מענדלאוויטש)

תלה) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה״ח ר׳ יושע מענדלאוויטש הי״ו משב״ק

דער **רבי בעל דברי יואל** זי״ע פלעגט אפטמאל נאכזאגן ביי די תורות דעם מהרש״א אויף די גמרא (מכות דף י׳ ע״ב) ״בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו״, זאגט דער מהרש״א (שם) אז עס ווערט באשאפן א מלאך פון זיין רצון, און דער מלאך פירט אים צום גוטן וועג.

איינמאל בשנת תשכ״ה ווען כ׳האב זוכה געווען צו באגלייטן דעם רבי׳ן אויפן וועג פון זיין הויז צו די ישיבה ווען דער רבי איז געגאנגען פארלערנען ׳סוגיא׳ פאר די בחורים, האב איך געזאגט פארן רבי׳ן אז דער חיד״א אין ספר מראית העין זאגט אויף די ווערטער פון מהרש״א ״זה אינו״, ווייל מיר ווייסן אז פון א מצוה במעשה ווערט באשאפן א מלאך, און אויב טרעפט מען נישט אין חז״ל די זאך קען מען נישט זאגן אז פון א מחשבה אליין זאל באשאפן ווערן א מלאך.

דער רבי האט זיך געגבן א שטעל אפ, ער האט אריינגעטראכט, און זיך אנגערופן ״ס׳איז א תנא דבי אליהו״.

כ׳האב נאכגעקוקט אין תנא דבי אליהו (אלי׳ זוטא פ״ג) האב איך געטראפן ווי ער זאגט ״אם עושה אדם את עצמו צדיק ולדבר אמת מוסרין לו מלאך שמתנהג עמו בדרך הצדיקים ומדבר אמת״, זאגט דערויף דער ׳זקוקין דנורא׳ ״והוא ע״ד אמחז״ל בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו״, זעהט מען פון דעם אז ער לערנט אפ דעם בדרך שאדם רוצה לילך אז מ׳גיט א מלאך אויפן רצון.

זייט דעמאלטס האב איך באמערקט ווי יעדעס מאל וואס דער רבי האט נאכגעזאגט דעם מהרש״א, האט ער צוגעלייגט די ווערטער ״ס׳איז א חז״ל״. (ועי׳ בספה״ק על הגאולה ועל התמורה אות צ״ו)

מיט עטליכע יאר שפעטער ווען דער רבי איז שוין ל״ע נישט געזונט געווען, בין איך געווען ביים רבי׳ן ז״ל אין בעל הארבער, און כ׳האב דערמאנט דעם רבי׳ן דעם שמועס, ווי דער רבי האט צוגעצייכנט דעם תנדב״א אלס ראי׳ צום מהרש״א. האט זיך דער גבאי ר׳ יוסף אשכנזי ע״ה אנגערופן אז ס׳איז נישט קיין ראי׳ פונעם תנדב״א, ווייל דארט שטייט נישט אז מ׳באשאפט א מלאך פון זיין רצון, נאר אז מ׳גיט איהם א מלאך זאל איהם צוהעלפן.

האט זיך דער רבי אנגערופן ״ס׳איז עפעס דא מלאכים צו געבן?! פון וואו גיט מען, מ׳גיט מלאכים וואס ער האט באשאפן״. (אברהם יעקב מענדלאוויטש, שמואל מענדלאוויטש, אהרן מענדלאוויטש, אלעזר מרדכי וויינשטאק)

תלו) עס דערציילט אונזער רבי

## הרה״ח ר׳ עקיבא צבי גאנז שליט״א

עטליכע וואכן פאר׳ן הסתלקות זומער תשל״ט לפ״ק, איז **דער רבי בעל דברי יואל** זי״ע געקומען אין לאנטש-רום דא אין די תלמוד תורה אין קרית יואל בשעת ווען די קינדער האבן געגעסן, און מען האט געווארט אויפן רבי׳ן מיטן בענטשן, ווייל מ׳האט געוואוסט אז דער רבי האט שטארק הנאה צו הערן די קינדער בענטשן, ווייל ווען דער רבי האט אמאל געהערט אין קעמפ ווי אזוי די קינדער בענטשן, האט ער זיך אנגערופן:

״הלוואי גרויסערהייט אזוי״...

דא איז שוין געווען שפעטער, ווען דער רבי איז געקומען, איך געדענק, איך בין געשטאנען איך האב די קינדערלעך געמאכט לעבעדיג, דער רבי האט געקוקט און באטראכט און הנאה געהאט. איך האב געזאגט מיט די קינדער ״ברוך הוא וברוך שמו, ברוך אתה...״ דער רבי האט געשיינט... (מפי התלמידים)

תלז) עס דערציילט מיין זיידע

## הרה״ח ר׳ נח קליין הי״ו

אלס קינד וואוינענדיג אין ירושלים פלעג איך ליב האבן ארויפצוגיין צום ירושלים׳ער רב הגה״ק **רבי זעליג ראובן בענגיס** זצ״ל. וועלכער האט געוואוינט אין די בתי נייטין נישט ווייט פון אונז.

איינמאל ווען איך בין געווען עטליכע וואכן נאך די בר מצוה, נאך שבועות תשי״ג, האב איך געהערט אז דער ירושלים׳ער רב פילט נישט גוט, בין איך שנעל אהין געלאפן צו זיין הויז, עס איז שוין געווען די לעצטע מינוטן און איך בין דארט געווען ביז נאך יציאת נשמה.

עטליכע מינוט שפעטער האב איך געהערט ווי ר׳ מנחם קליין ע״ה דער ראש פון די חברה קדישא האט באפוילן אז מ׳זאל שוין שיקן א טעלעגראם קיין אמעריקע. האב איך עמיצן א פרעג געטון בתמימות ״צו וועמען?״, האט מיר יענער געזאגט ״צום סאטמארער רב, ווייל דער סאטמארער רב ווערט אויפגענומען אלס ירושלים׳ער רב״.

איך בין געווען א יונגער בחור׳ל, אביסל פריער זענען מיר ארויפגעקומען פון דעעש, איך האב נאך דעם רבי׳ן נישט געקענט, בין איך געווארן זייער צובראכן דערפון, אין ארץ ישראל וואוינט דאך דער בריסקער רב, טשעבינער רב, פרעשבורגער רב, פארוואס דארף מען נעמען דעם סאטמארער רב וואס וואוינט אין די ווייטע אמעריקע ווען אין ירושלים וואוינען אזעלכע גדולי ישראל?

ווען כ׳בין ארויסגעגאנגען פון דארט האב איך געזעהן **הגה״צ המקובל רבי אשר זעליג מרגליות** זצ״ל קומען פון זיין שטוב אין ׳בית ישראל׳, איך האב אים געקענט ווייל כ׳פלעגט גיין צו זיין שיעור אין חומש רש״י יעדן ליל שישי אין בית ישראל, האב איך אים געזאגט ״איר האט געהערט אז דער רב איז נסתלק געווארן?״, זאגט ער מיר ״וועגן דעם קום איך יעצט״. האב איך אים געפרעגט ״ווער איז דער סאטמאר רב פון אמעריקע וועמען מ׳נעמט יעצט אויף?״.

זאגט מיר רבי אשר זעליג ״אינגעלע פון וואו קומסטו?״, האב איך געענטפערט ״פון דעעש״.

פרעגט ער מיך ״האסטו געהערט פונעם נאסאדער רב? פון ר׳ ישעי׳לע קערעסטירער? פונעם מאדער רב?״ ער האט אזוי אויסגערעכנט א 10-12 רבנים פון אונגארן, און דאן האט ער אנגעהויבן אויסצורעכענען, איינער האט געהאט א ישיבה, א גרויסע, איינער א קליינע, איינעם א קהילה, איינער א שטאט, ״אלע האבן געפירט די דורות אזוי ווי די דורות בעפאר, היטלער ימ״ש איז געקומען און חרוב געמאכט

דעם כלל ישראל, ער האט נישט געוואלט איבערלאזן קיין שריד ופליט, אויב איז יא עפעס איבערגעבליבן האבן די ציונים אלעס אוועקגענומען, און דא דער סאטמארער רב איז אחרי כלות הכל געפארן קיין אמעריקע, וואס דער 'מלאך' (הגה"ק רבי אברהם חיים דובער לעווין זצ"ל) האט מיר געשריבן אז עס הייסט 'ארצות הברית' ווייל דער פגם הברית איז דארט, דארט אין דעם טמא'נעם ארצות הברית איז געגאנגען דער סאטמארער רב, און ער לייגט דארט אריין א געוואלדיגע עבודה, כ'האב געהערט אז ער האט געהאט טויזנט מענטשן די הייליגע טעג, און פינף הונדערט קינדער לערנען אין זיין ת"ת על טהרת הקודש".

האט רבי אשר זעליג אויסגעפירט "ווער דער סאטמארער רב איז, וועט מען נאר וויסן ווען משיח וועט קומען"...

כ'האב געהערט פון רבי אשר זעליג ער האט געזאגט דערמאנענדיג א גרויסן גדול וואס האט געמאכט א חיבור נפלא אויף ש"ס וואס יעדער לערנט "אן דעם פירוש וואלט מען ווען נאך געקענט לערנען ש"ס, אבער אנעם סאטמארער רב וואלט קיין אידישקייט נישט געווען. (אלכסנדר יעקב שלום קליין)

### תלח) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' יעקב שמואל קאפל שעהנברון הי"ו

עס איז געווען זומער תשכ"ז, עטליכע וואכן נאך די זעקס טאגיגע מלחמה, איך בין שוין געווען דאהי פון פריער, און מיין ברודער הר"ר חיים ראובן הי"ו איז דעמאלטס געקומען פון ארץ ישראל לערנען דא ביים רבי'ן.

ווען ער איז אנגעקומען בין איך געגאנגען צוזאמען מיט אים שלום נעמען ביים רבי'ן, דער רבי האט געהאלטן נאך שחרית פארן אנטון די רבינו תם תפילין, און ער איז געזעסן אויפן בענקל אין בית המדרש. האב איך געזאגט פארן רבי'ן אז מיין ברודער איז אהערגעקומען פון ארץ ישראל דא לערנען אין די ישיבה. דער רבי האט אים געגעבן די האנט און ער האט געקוקט אויף אים מיט זייער אן ערענסטן בליק, און ער האט זיך אנגערופן "וואס טוט זיך דארט? זענען זיי נאך אלס פארשיכור'ט צי האבן זיי זיך שוין אויסגעניכטערט?..."

מיין ברודער האט געהאט א שטארקן פחד, און ער האט נישט געקענט ענטפערן, האב איך געזאגט פארן רבי'ן "מ'האט זיך שוין אויסגעניכטערט".

דער רבי קוקט מיך אזוי אן "פון וואנעט ווייסטו?!".

האב איך געזאגט פארן רבי'ן אז מיין ברודער האט מיר דערציילט אז פון אנהויב איז דער עולם געווען זייער פאר'שיכור'ט, אבער ווען עס איז אנגעקומען די טעיפס פונעם רבי'נס שלש סעודות תורות האט מען זיך אנגעהויבן צו כאפן וואס דא גייט פאר, און דאס האט משנה געווען דעם גאנצן מהלך המחשבה.

דער רבי האט אזוי צוגעשאקלט מיטן קאפ, און איך האב געזעהן ווי מיין תשובה איז אים געפאלן.

בערך אין יענעם יאר, תשכ"ו אדער כ"ז, איז דער רבי ז"ל געקומען אינמיטן זומער באזוכן די קעמפס, ער איז אנגעקומען אין כולל קאנטרי אינדערפרי פארן דאווענען, און ער איז צוגעפארן צו די באנגעלאו פונעם שאפראנער רב ז"ל. עס איז דארט געווען אויך ר' חיים הערש יאקאבאוויטש ע"ה און די אנדערע כולל יונגעלייט. און מ'האט דארט גערעדט פארשידענס, בתוך הדברים האט דער רבי גערעדט פונעם חזון איש ז"ל, און איבער זיין שטעלונג אין די ענינים פון די שיטה הק' וואס כ'וועל איבערגעבן דעם רבי'נס ווערטער כפי זכרוני.

דער רבי האט געזאגט בתוה"ד "די ערשטע וואס האט אויפגעשטעלט א חדר אויף אידיש אין בני ברק איז געווען אונזער חדר, שפעטער האט דער חזון איש אויך געעפענט א חדר, פון אנהויב האט ער געשיקט זיינע מענטשן זאלן געבן די קינדער אין אונזער ת"ת, ווען איך בין געווען ביי איהם (בקיץ תשי"ב) האט ער מיך געפרעגט אויב כ'וועל נישט האבן קיין הקפדה אויב ער וועט אויך עפענען א ת"ת אויף אידיש, האב איך אים געזאגט "א הקפדה?! חס ושלום, אדרבא, אדרבא, כ'האב איהם נאך געגעבן געלט אויך". (יששכר בעריש לאוב, יואל משה הכהן שעהנברון)

### תלט) עס דערציילט מיין עלטער זיידע
## הרה"ח ר' הערש אלימלך כהנא הי"ו

מיין עלטער זיידע איז געווען הרה"ג ר' נחמן כהנא ז"ל דער דיין אין סיגעט, וואס ער איז געווען דער מלמד פון רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע אלס קינד.

ווען ער איז שוין געווען אויף די עלטערע יארן און ער איז געווען זייער אפגעשוואכט ל"ע, איז אויסגעקומען אז דער רבי איז דורכגעפארן די שטאט מיהאפאלווא, מיין טאטע הרה"ח ר' יוסף לייב ע"ה איז ארויסגעגאנגען צו די באן סטאנציע וואו דער רבי איז דורכגעפארן און ער האט מזכיר געווען פארן רבי'ן אז ר' נחמן דארף א ישועה.

רופט זיך אן דער רבי "ער איז דאך שוין אן אלטער איד"... און ער האט גארנישט אנגעוואנטשן.

מיין טאטע האט נישט געקענט פארשטיין וואס דא גייט פאר, דער רבי הערט אז ער דארף א רפואה און ער וואונטש נישט אן?! ווי נאר ער גייט אוועק פון דארט באגעגנט ער דעם שו"ב הרה"ח ר' אברהם ווערצבערגער ע"ה, און ער דערציילט אים וואס עס איז יעצט געווען ביי די באן, זאגט אים ר' אברהם "יא, ער איז שוין ליידער פריער נפטר געווארן"... (טובי' כהנא)

### תמ) עס דערציילט אונזער פעטער
## הרה"ח ר' אברהם ברוך פאללאק הי"ו

ער איז געווען איין יאר שמיני עצרת ביינאכט ביים רימניצער רבי'ן זצ"ל, און דער ריבניצער רבי איז געזעסן שטארק פארטראכט.

דארט איז געזעסן ביים טיש א רוסישער איד וואס איז געווען צוזאמען מיטן ריבניצער רבי'ן אין רוסלאנד, און ער האט דערציילט פאר הרה"ח ר' יעקב שמשון האס שליט"א אז מיט יארן צוריק ווען דער רימניצער רבי איז געווען אין רוסלאנד איינמאל שמיני עצרת ביינאכט רופט ער זיך פלוצלונג אן "רבי יואל'יש זאגט יעצט די הושענא רבה דרשה... ער זאגט זייער שיין". (ווייל לויט די שעות וואס עס גערוקט רוסלאנד פון אמעריקע, האט געקענט זיין ווען דארט איז שמיני עצרת ביינאכט האט נאך דער רבי געהאלטן אינמיטן די דרשה).

און דער רימניצער רבי האט נאכגעזאגט די תורה וואס דער רבי האט געזאגט.

ר' משה האט נישט איינגאנצן געגלייבט די מעשה, פלוצלונג כאפט זיך דער רימניצער רבי אויף פון זיין דבקות, און ער זאגט "איז דען נישט אזוי געווען?".

(אונזער פעטער האט געפרעגט הרה"ח ר' משולם איסר קרויס הי"ו צי די מעשה איז אמת, האט ער איהם געזאגט אז ער האט געפרעגט דעם רימניצער רבי'ן, און ער האט אים דאס באשטעטיגט) (אליעזר ניסן פויגעל, משה פויגעל)

### תמא) עס דערציילט אונזער זיידע
## הגה"צ ר' מענדל פריעדמאן זצ"ל

עס איז געווען איינמאל ראש השנה ביינאכט ביים רבי'ן בעל דברי יואל זי"ע נאך אינדערהיים אין סאטמאר, בשעת ווען דער עולם איז אריבער זאגן "לשנה טובה", איז דארט געווען א בחור וואס האט געלערנט ביים רבי'ן אין די ישיבה וועלכער האט זיך אראפגעזעצט אין א זייט. און זייענדיג מיד האט ער איינגעדרימלט.

דער בחור חלומ'ט זיך אן ווי ער שטייט ביים בי"ד של מעלה, און מ'איז אים דן ר"ל למיתה. צווישן די דיינים ביים בי"ד של מעלה דערקענט ער די צורה פונעם רבי'ן זי"ע, און ער הערט ווי דער רבי טענה'ט לטובתו, אז ער איז נאך א בחור ער האט נאכנישט זוכה געווען אויפצושטעלן א אידישע שטוב, און מ'דארף אים נאך צוגעבן יארן. און דער רבי האט אויסגע'פועל'ט און מ'האט דעם בחור צוגעגעבן יארן.

דער בחור האט זיך אויפגעוועקט זייער דערשראקן, ער האט זיך א לענגערע צייט ארומגעדרייט זייער שטארק אונטערן רושם פון די מעשה. אבער ווי דער סדר איז במשך די וואכן האט דער פחד נאכגעלאזט, און ער האט כמעט פארגעסן דערפון, ער האט געקלערט אז עס איז געווען א בלויזער חלום.

יענעם יאר חנוכה איז דער בחור געזעסן אין קווארטיר מיט נאך עטליכע חברים און געשפילט קוויטלעך. פלוצלונג קומט דער רבי אריין אין יענעם צימער, און ער גייט צו צו יענעם בחור און ער רוימט אים אריין עטליכע ווערטער אין אויער, און דער בחור איז געווארן בלאס ווי די וואנט.

די בחורים זענען געווארן זייער נייגעריג צו וויסן וואס דער רבי האט אים געזאגט, האבן זיי אים צוגעדריקט צו די וואנט אז ער זאל זיי דערציילן, ביז ווען ער האט נישט געהאט קיין ברירה און ער האט זיי דערציילט דעם חלום, אבער ער האט נאך ביז היינט קיינמאל נישט גערעדט צום רבי'ן גארנישט איבער דעם חלום, און דא קומט דער רבי צו אים פלוצלונג און זאגט אים "דו ווייסט דאך יא וואו דו האלטסט"...

אינצווישן איז געווארן די מלחמה, און דער בחור האט איבערגעלעבט די קריג, ער איז ארויף קיין ארץ ישראל און ער האט דארט חתונה געהאט, און געהאט א קינד, איידער עס איז אים געבוירן געווארן דאס צווייטע קינד האט ער געלאזט רופן די חברה קדישא, און זיי אנגעזאגט פארשידענע זאכן בנוגע זיין פטירה. אלע האבן זיך געוואונדערט אויף זיינע ווערטער, האט ער זיי דערציילט די גאנצע מעשה, און אז ער האט קלאר געהערט ביים בי"ד של מעלה אז דער רבי האט אים אויסגע'פועל'ט אז ער זאל מקיים זיין מצות פרי' ורבי' און האבן צוויי קינדער, און עס איז שוין יעצט געקומען זיין צייט.

וכך הוה נאכדעם וואס דאס קינד איז געבוירן געווארן איז דער איד נפטר געווארן. (יוסף משה ווייס, טובי' יואל פריינד)

תמב) עס דערציילט מיין זיידע

## הרה״ח ר׳ יחזקאל יואל סאמעט הי״ו

איינמאל זענען מיר געזעסן א גרופע בחורים אינאיינעם אין קעמפ אין גרינפעלד פארק, און מ׳האט געשמועסט פארשידנס מעשיות פלא פון צדיקים. איז דארט געווען א עלטערער בחור א זון פונעם בוקארעסטער רב ז״ל. וועלכער איז נאך די מלחמה נאך געווען א צאל יארן אין בוקארעסט, און ווען ער איז דא ארויסגעקומען איז ער שוין געווען אן עלטערער בחור, און ער איז געזעסן מיט אונז דארט אין קעמפ.

ווען ער האט געהערט אז מיר רעדן אזעלכע מעשיות נפלאות פון צדיקים רופט ער זיך אן ״איר מיינט אז פונעם רבי׳ן איז נישטא אזעלכע מעשיות, איך וועל אייך דערציילן א מעשה וואס בדידי הוי עובדא״, דערציילט ער אונז אז נאך די קריג אין בוקארעסט זענען געווען דארט אידן וואס האבן געהאנדלט מיט אומלעגאלע סחורה, און די רעגירונג האט זיי געזוכט, אזוי איז אויסגעקומען אז איינמאל האט מען איהם געכאפט און ארעסטירט, און די רשעים האבן אים געפייניגט אז ער זאל ארויסגעבן די נעמען פון אנדערע אידן וואס האבן מיטגעארבעט מיט זיי, אבער ער האט נישט געוואלט זאגן קיין שום נעמען.

איינמאל איז ער איינגעשלאפן, און ער חלומ׳ט זיך ווי ס׳קומט צו איהם א איד מיט א ווייסע בארד און ער פרעגט אים ״פארוואס זיצטו דא? פארוואס גייסטו נישט ארויס?״, האט ער געענטפערט ״וואו קען מען דא ארויסגיין, עס איז פארמאכטע צימער׳ל״, זאגט אים דער איד ״איך וועל דיר ווייזן״, און דער איד ווייגט אים דעם וועג ארויס, ער כאפט זיך אויף און ער הייבט אן ארויסצוגיין זעהט ער אז די טיר איז אפן קיינער שטייט נישט אויף די וואך, און ער האט געמאכט פליטה און ער איז ניצול געווארן.

מיט יארן אנקומענדיג קיין אמעריקע איז ער אריין מיט זיין טאטן צום רבי׳ן, יענע רגע וואס ער האט געזעהן דעם רבי׳נס צורה האט ער געזאגט פארן טאטן ״טאטע, דער איד האט מיך געהייסן אנטלויפן פון תפיסה״...

דער רבי האט דאס באמערקט און ער האט אים באלד געוויזן מיט די האנט אז ער זאל חס ושלום נישט דערציילן פאר קיינעם דערפון, ווייל דאס איז זייער מסוכן פאר אים.

אבער דא זיצנדיג צווישן בחורים האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטן און ער האט דאס דערציילט פאר אונז. ליידער האט זיך דאס נישט גוט אויסגעלאזט, יענעם זומער נאכדעם וואס ער האט דערציילט די מעשה איז ער ל״ע נפטר געווארן אין א עקסידענט. שנשמע ונתבשר בשורות טובות. (זאב וואלף סאמעט)

תמג) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה״ח ר׳ בנימין ארי׳ הלוי ווערצבערגער הי״ו

ווען דער שווער פון מיין פאטער ר׳ יחזקאל שו״ב ז״ל איז אוועק פון דער וועלט, איז ל״ע געבליבן אן אלמנה מיט קליינע יתומים, און מיין טאטע האט געדארפט אויסהאלטן די גאנצע שטוב מיט קינדער וואס זענען געבליבן ווי אליין אויפן וואסער. ער האט אבער נישט געקענט אויסהאלטן די שטוב, איז ער געפארן צום רבי׳ן קיין סאטמאר זיך מזכיר זיין פאר א ישועה.

אנקומענדיג קיין סאטמאר זעהט ער אז דער מצב איז נישט גוט, די ערשטע רביצין ע״ה איז דעמאלטס נישט געזונט געווען, און עס איז געווען שווער דער מצב. אינמיטן קומט דער רבי ארויס און ער זעהט אים, פרעגט ער אים ״וואס טוסטו דא?״, האט ער אראפגעלייגט די גאנצע זאך פארן רבי׳ן, רופט זיך דער רבי אן ״איך זאג דיר אז די בעסטע זאך איז אז דו זאלסט גיין נאך געלט, דא האסטו נאך א בחור מיט וועמען צו גיין״.

אז דער רבי הייסט האט ער געפאלגט און עס איז אים געווען א חידוש אז ווי נאר ער האט אנגעקלאפט אויף די ערשטע טיר זאגט אים דער איד ״ביסט פונקט געקומען אין א גוטע צייט״, און ער גיט אים א גרויסע סומע, אזוי איז געווען ביי די אלע הייזער וואו ער איז געגאנגען. אזוי אז ער האט אין קורצע צייט געמאכט אסאך געלט, האט ער געטראכט אז עס איז שוין גענוג פאר היינט, און ער וועט ממשיך זיין מארגן.

ווען ער איז ווייטער געגאנגען מארגן נאך געלט, האט ער שוין נישט געהאט אזא הצלחה, איז ער געווארן צובראכן און ער איז צוריק געגאנגען צום רבי׳ן, דער רבי איז דאן געזעסן אנגעטון מיט די רבינו תם תפילין, דער רבי האט נישט אויסגערעדט מיט די תפילין, האט ער אזוי געמאכט מיט די הענט ווי איינער פרעגט צי ער האט מצליח געווען, האט ער אלעס פונקטליך דערציילט פארן רבי׳ן.

האט זיך דער רבי אנגערופן אויף לשון הקודש מיט א שאלה ״פארוואס ביסטו נישט געגאנגען נעכטן איבעראל?״. אזוי אז ער האט קלאר געזעהן פונעם רבי׳נס ווערטער אז דער רבי האט עקסטער געהאט משפיע געווען פאר אים אן השפעה גדולה אויפן נעכטיגן טאג, און עס איז געווען א שאד אז ער האט דאס נישט אויסגענוצט בשלימות. (יחזקאל, בערל, יוסף זונדל, יושע ישראל ברוך הלוי ווערצבערגער)

תמד) עס האט דערציילט אונזער זיידע

## הרה״ח ר׳ משה שעהר ז״ל הכ״מ

ווען ער האט זיך אהערגעצויגן קיין אמעריקע האט ער געדארפט באקומען שריפטן, און בעפאר האט ער געדארפט האבן א ׳גרין-קארד׳, און דער געזעץ איז געווען אז נאכדעם וואס מ׳האט די גרין-קארד טאר מען נישט ארויספארן פון אמעריקע ביז ווען מ׳איז מסדר די שריפטן. אויב מ׳פארט יא ארויס דעמאלטס איז פארפאלן די שריפטן.

אין איינע פון די טעג האט מען אנגערופן מיין זיידן אז זיין מאמע איז זייער נישט געזונט, און דער מצב איז זייער שמאל ל״ע און ער זאל שוין קומען קיין לאנדאן. מיין זיידע האט אויסגעארבעט א תחבולה מיט א שכן וואס זאל זיך אהערשטעלן אנשטאט אים אויב מ׳וועט אים פונקט רופן, און ער האט זיך געגרייט צו פארן קיין לאנדאן.

איידער ער איז געפארן איז ער אריין צום רבי׳ן בעל דברי יואל זי״ע נעמען זיין ברכה, ער האט דערציילט דעם שפיצל וואס ער טראכט צו טון. דער רבי איז נישט געווען צופרידן און ער האט אים געפרעגט ״און אויב זיי וועלן אים רופן און זעהן אז ס׳איז נישט דו?״, האט מיין זיידע געפרעגט דעם רבי׳ן ״וואס דען זאל איך טון?״, האט אים דער רבי געזאגט ״בלייב דא, עס וועט גארנישט זיין״.

ער האט געפאלגט דעם רבי׳ן און ער איז נישט געפארן, צו אלעמענס וואונדער אז בעסער געווארן דער מצב ביי זיין מאמע, און הערשט נאכדעם וואס ער האט באקומען די שריפטן איז ער געפארן קיין לאנדאן, און דעמאלטס איז זיין מאמע נפטר געווארן. (שלום יצחק הערשקאוויטש, וואלף בר״ש לאנדא)

תמה) עס דערציילט אונזער עלטער פעטער

## הרה״ח ר׳ יושע כ״ץ הי״ו

איך האב געהאט די זכי׳ אז ווען רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע איז געווען אין בני ברק ביי די לעצטע נסיעה בשנת תשכ״ה איז ער איינגעשטאנען ביי מיר אין שטוב. די סעודות פלעגט דער רבי עסן ביי מיין שכן ר׳ חיים הערש שווארץ ע״ה, און אויפגענומען דעם ציבור און אלע אנדערע פריוואטע ענינים איז געווען ביי מיר אין שטוב.

דער רבי האט זייער מקפיד געווען אין ארץ ישראל (אויך אין אמעריקע) נישט צו נוצן די געווענליכע לעקטער, אלס א חשש אז עס וועט צובראכן ווערן אין שבת, און אידן וועלן ל״ע מחלל שבת זיין דאס צו פאררעכטן (ווייל אין אר״י זענען דאך ליידער אלע ארבעטער אידישע קינדער בעוה״ר) , און אלע היימישע אידן האבן געהאט א בעטערי לאמפ אויף שבת.

יענעם שבת ווען דער רבי זיצט ביי ר׳ חיים הערש אין שטוב פרייטאג צו נאכטס שטעלט ער זיך פלוצלונג אויף און זאגט פאר ר׳ עזריאל גליק הי״ו ״לאמיר גיין״, און ער איז ארויסגעגאנגען פון ר׳ חיים הערש׳ס הויז און ער איז אריינגעקומען צו מיר אין שטוב. קיינער האט נישט פארשטאנען וואס דא האט פאסירט.

ממש א מינוט שפעטער האט זיך די בעטערי ביי ר׳ חיים הערש אין שטוב אויסגעברענט און עס איז געווארן פינסטער, האט מען געזעהן אז דער רבי האט דאס מרגיש געווען. (שלמה מנשה פאלקאוויטש, יואל האלפערט, חיים דוד פארגעס, יוסף פעלדמאן, שאול יצחק ליכטענשטיין, יצחק לייב ווייס, שלמה מנשה בר״י פאלקאוויטש, ישראל זאב האלפערט)

תמו) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע

## הרה״ח ר׳ דוד ווייngארטן ע״ה

דער רבי בעל דברי יואל זי״ע האט זיך געפירט ווען ער איז אוועקגעפארן פונדערהיים פלעגט ער איבערלאזן צוויי בחורים זאלן שלאפן ביי אים אין שטוב, היטן דאס הויז.

ווען דער רבי איז געפארן קיין ארץ ישראל בשנת תרצ״ב, איז דער זיידע געשלאפן ביים רבי׳ן אין שטוב. בחורים זענען דאך געווענליך נייגעריג האבן זיי זיך אביסל אומגעקוקט איבערן הויז... ווען זיי זענען ארויף אויפן בוידעם האבן זיי געטראפן פארווארפן גאנצע פעקלעך געלט פון נישט ערליכע מענטשן וואס דער רבי האט נישט געוואלט נוצן. (משה צבי גליק, העניך שלמה בערנאטה, אברהם שאול בערנאטה, אהרן אליעזר בערנאטה, יואל פעלדמאן)